# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה** פון **נישט רעדן ביים דאווענען**

פ' פנחס - גליון נ"ה

## דאס לעצטע לימוד זכות

עס איז געווען א איד וואס זיין זון איז קראנק געווארן מיט די ביטערע מחלה ל"ע און ער איז נפטר געווארן ליידער. נאך א קורצן צייט איז אויך ער קראנק געווארן מיטן זעלבן קראנקייט לײדער, און ווען זיין רב איז אים געקומען באזוכן, האט דער רב געזאגט זיין פילע נאמען, און אים געבענטשט מיט א רפואה שלמה. דער איד האט זיך אויסגעדרוקט פאר זיין רב, אז ס'איז שוין צו שפעט פאר אים צו ווערן געזונט פון דאס קראנקייט. די רב האט אבער געשריגן אויף אים, ווי אזוי רעדסטו, א איד רעדט נישט אזוי!

האט אים דער מענטש געענטפערט: האט די רב געזען די שווערע טעסטן? האט אים געענטפערט דער רב: איך זאג דיך צו אז די וועלסט האבן א רפואה שלמה. דאן האט ער נאכאמאל געזאגט, אז ער גלייבט נישט אז ער האט נאך א האפענונג צו לעבן, און די רב וויל אים נאר בלויז מחזק מיט זיין ווערטער.

האט אים די רב געענטפערט: "איך זאג דיך יא צו"!.

האט דער מענטש נאכאמאל געפרעגט: "טאקע?"

האט דער רב געענטפערט: יא! טאקע! אבער מיט איין תנאי, זאלסטו אינטערנעמען אויף זיך אין די מינוט מיט אן אמת'ע קבלה, אז קיינמאל אין דיין גאנץ לעבן וועסטו מער נישט רעדן אינעם צייט פון דאווענען". דאן האט ער געגעבן זיין האנט צו זיין רב, און ער האט אים צוגעזאגט אן אמת'ן צוזאג אז ער וועט שוין קיינמאל נישט רעדן אינעם צייט פון דאווענען.

און שוין פון די אונטערנעמען, האט דער באשעפער רחמנות געהאט אויף אים, און אים געלייכט זיין מזל, און צוויי וואכן נאך דאס באזיך פון זיין רב ווען ער איז ממש געווען אין א געפערליכע מצב, האט דער יינגערמאן זיך געדרייט אין די גאסן געזונט און שטארק ווי ס'איז גארנישט געווען. נאך דריי מאנאטן ווען ער האט געמאכט זיין נאכקוקנדיקע טעסטן, מען האט געזען אז ער איז שוין אינגאנצן ריין פון דאס קראנקייט און ברוך השם איז ער אינגאנצן געזונט געווארן.

נאך א שטיקל צייט, איז דער מענטש געפאַלן מיט זיין צוזאג, און ער האט אנגעהויבן רעדן אינמיטן זאגן קרבנות בציבור, ווען זיין רב האט דאס געשפירט, האט ער גלייך זיך אויסגעדרייט צו אים און געשריגן אויף אים הויעך: נו! נו! נו!

א וואך איז אריבער פון די געשריי, און צום ווייטאג פון אלעם, האט דער מענטש פארמאכט זיין אויגן אויף אייביג, און נפטר געווארן לײדער.

ביי די שבעה, איז געקומען זיין רב מנחם אֲבֵל זיין. ער איז נאר אריין, ער האט מנחם געווען און געזאגט "המקום ינחם אתכם", און גלייך איז ער אויפגעשטאנען און געוואלט ארויס גיין. דאן איז איינער פון די קרובים פונעם נפטר אויפגעשטאנען און אים געפרעגט, איך וויל זאל דער רב מיך באווייזן וויאזוי צו אייך דן זיין לכף זכות. ס'זיצט דא א צובראכענע אלמנה, וואס פאר נישט לאנג האט זי פארלוירן איר זון, און יעצט זיצט זי ווידעראמאל שבעה אויף איר מאן, און זי זאגט אז זי מיינט אז איר מאן איז נפטר געווארן וועגן די קפידה פון דער רב, ס'זיצן דא צובראכענע טייערע יתומים, און זיי זענען דארשטעריג פאר א גוט ווארט, פארוואס האט דער רב געוואלט אוועק לויפן אזוי שנעל, איר קענט נישט אביסל מחזק זיין דאס הארץ פון די אינגע אלמנה און צובראכענע יתומים?

דאן האט דער רב אנגעהויבן צו שטארק וויינען, און ער האט געענטפערט און געזאגט אזוי: "אויף דער אינגערמאן האב איך נישט געטראפן קיין שום למוד זכות צו פארזיסערן די גזירה ווען ער איז געווארן קראנק מיט דאס קראנקייט, די איינציגסטע זאך וואס איך האב געהאט אויף אים, איז געווען אז ער האט אינטערגענומען אויף זיך קיינמאל נישט רעדן ביים דאווענען, און ביי די מינוט ווען ער האט אנגעהויבן רעדן ביים דאווענען, האב איך שוין גארנישט געהאט צו זאגן און וואס צו מלמד זכות זיין אויף אים זאל מען אים געבן א רפואה שלמה, אין דאס אז ער האט צובראכן זיין צוזאג, האט אים געקאָסט מיט זיין לעבן" מוראדיג!!!

און מיט דעם איז געטייטשט אויך וואס דער "ספר הפנים" ברענגט אין זיין הייליגע ספרים (יא:) (און זעה אינעם ספר הגן און דרך משה פאר יום ט') "ווער ס'היט דאס רייד פון רעדן אינעם צייט פון דאווענען, דאס איז א סגולה פאר אים אויף אריכות ימים און גוטע עלטערע יארן, ווייל "שֵׂיבָה" איז ראשי תיבות שׁ'תיקה יָ'פה בְּ'שעת הַ'תפלה", און דער הייליגער מלאך וואס ווערט באשאפן פון היטן די טייערע מצוה, איז א מליץ יושר פאר אלעס וואס ער דארף פון דער באשעפער, אלע זיינע טעג. וועגן דעם, דער קליגער ווייסט אז ער דארף זיך קויפן אַפריער א גרויסע און שטארקע סניגור, זאל ער נישט זיין אין צרות ושאר מרעין בישין, און עס זאל אים זיין גוט אלעמאל.

(מספר כבוד בית ה')

ההעתקה לאידיש נתנדב ע"י א .י .א. ק לברכה ולהצלחה בכל הענינים

## פארלוירן אדער פארדינט?

שטייענדיג עטליכע וואכן צום יארצייט הבעל"ט פונעם תוס' יו"ט, וועט מען דא מיטיילן א פאסירונג כדי לזכות את הרבים:

פאריאר פאר'ן נסיעה קיין קראקא האט מיר א חבר פון מאנטריאל אנגערופן פרעגן אויב כ'וואלט געקענט באשטיין זיך אריבערצוכאפן צו א קבוצה פון זיינע חברים אפנעמען די קוויטלך און קבלות טובות. ער האט געזאגט, אז ווען דער שליח אליינס קומט, וועט עס זיכער האבן אן השפעה אויפן ציבור. כ'האב זיך פארבינדן מיט א חבר פון ישיבה וואס איז פונקט דא געווען יענעם טאג, און געפרעגט אויב ער וויל זיין דער שליח להולכה און מיר מיטנעמען, ער האט גערן מסכים געווען צו זיין נטפל לעושי מצוה. ויהי בנסוע, מ'האט זיך ארויסגעלאזט נאכמיטאג און געהאפט צו זין באצייטנס צום עלעגאנטן מסיבת ליל ששי, וואס האט געזאלט פארקומען ביי איינעם אין גאָרטן.

נאכן פאָרן עטליכע שעה האט דער דרייווער זיך פארבינדן מיט זיינס א חבר וואס איז אויך געווען אויפן וועג, און עס האט זיך ב"ה צאמגעשטעלט א געשמאקע מנין מנחה אין א שטילן ווינקל. נאכן דורכפארן דעם גרעניץ, ס'איז שוין געווען היפש טינקל אינדרויסן, זענען געשטאנען עטליכע אידן און געשריגן: מנחה... מנחה... זיי האבן זיך געבעטן אז מ'זאל משלים זיין אויף מנין. אזוויוי מיר האבן שוין געהאט געדאווענט, און מיר האבן זיך געאיילט, האט דער דרייווער זיך דורכגעאיילט מיט א שנעלקייט, און בכלל נישט געקימערט אויף זייער בקשה.

עס גייט נישט דורך קיין צוויי מינוט, און מיר זעען רויטע לעמפלעך פון אונטן, א פאליציאנט שטעלט אונז אפ, און נאכן אויפהאלטן צען מינוט, האט ער געגעבן א טיקעט און ווייטער געלאזט פארן.

עטליכע וואכן צוריק, רופט מיר דער חבר אן און פרעגט, אויב איך געדענק יענעם טיקעט? כ'האב איך אים געזאגט אודאי געדענק איך. ער האט מיר געזאגט אז היינט איז דער קאָרט פון יענעם טיקעט, און אזוויוי ער האט מיר גענומען צום מסיבה של מצוה למען קדושת בית המדרש, וויל ער בעטן אז כ'זאל מתפלל זיין אז דער קאָרט זאל דורכגיין על היותר טוב. כ'האב געטראכט א רגע און אים געפרעגט אויב ער געדענקט וואס איז געווען א מינוט פריער, די אידן וואס האבן אונז געבעטן משלים צו זיין פאר מנחה? "יא, יא" זאגט ער, "איך געדענק עס גוט".

"בשעת מעשה" זאג איך אים, "האב איך דיר גארנישט געוואלט זאגן, אבער יעצט אז דו דערמאנסט שוין דער מעשה, און דו ווילסט אז עס דער קאָרט זאל דורכגיין אנע פראבלעמען, וויל איך דיר מעורר זיין, אז ס'איז מיר דעמאלס דורכגעלאפן א מחשבה: מיר האבן נישט געוואלט פארלירן קיין צייט מיט'ן משלים זיין מנחה פאר די אידן, האבן מיר נאכדעם געדארפט געבן די צען מינוט פאר'ן פאלציאנט בנוסף צו א קנס גדול.

"כ'האב געטראכט די זעלבע זאך בשעת מעשה", זאגט מיר דער דרייווער "אבער דארפסט פארשטיין, ס'איז געווען נאך אידן אין קאר, און כ'האב נישט געוואלט זיין קיין גוטער אויף יענעמס חשבון און ס'איז באמת געווען שפעט, ווייל דער עולם האט שוין געווארט אויף דיר ביים מסיבה".

פאר הערות אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים שיקט אן אימעיל צו: GilyonNakdishoch@gmail.com

"שתי תשובות בדבר" האב איך זיך צוריק גע'טענה'ט, "ערשטנס, ווי אזוי ווייסטו אז נאכן פרעגן די אידן, וואלטן זיי נישט מסכים געווען צו געבן צען מינוט? אפשר וואלט עס געווען א זכיה צו קענען משלים זיין א מנחה בציבור וואס נעמט נישט אזוי לאנג. ובפרט אז ס'איז שוין געווען אזוי שפעט צום זמן מעריב, און שנית, אפילו מען קען יענעם נישט העלפן, איז אבער כדאי כאטש זיך אפצושטעלן פאר א רגע, און זיך אנטשולדיגן, און זאגן אז מען איילט זיך, ס'איז דא נאך אידן אין קאר וכו' וכו'".

לגבי דער מסיבה וואו מיר האבן זיך געאיילט, האב איך אים מסביר געווען, דארף מען מאכן דעם אמת'ן חשבון, ווי איילט מען זיך? מחזק צו זיין דער עמוד התפלה. נו, דא שטייען אידן און בעטן זיך מ'זאל מחזק דער עמוד התפלה...

אמאל בשעת דער מענטש איז עוסק במצוה, שיקט מען אים א נסיון, און מ'דארף געדענקען צו האלטן דער קאפ אויפן פלאץ: וואס איז יעצט באמת דער רצון הבורא?...

אידן דערציילן כסדר די סארט מעשה'לעך, אז אמאל איילט מען זיך, און מ'כאפט זיך מיט צו א מנין, אדער מ'אנטלויפט פאר'ן ענדיגן קדיש בתרא, און נאכדעם ווערט מען אויפגעהאלטן ערגעץ אנדערש, און מ'זעט אז מ'האט גארנישט פארדינט מיט'ן זיך מיטכאפן אדער אנטלויפן פריער. לעומת זה, איז זיכער דא וואס זעהן נישט דער שאדן טאג-טעגליך, אבער מיר דארפן וויסן און געדענקן, אז אונזער זעהן איז 'גארנישט'. דא אויף דער וועלט איז דער עולם 'עשיה', דא קען מען דאווענען לערנען און טון מצות, און מ'זעט נישט אלעמאל פונקטליך וואס טוט זיך אפ מיט אונזערע מעשים. עס וועט נאך קומען א טאג, ווען מ'וועט אלעס קענען זעהן, אבער דעמאלס וועט מען שוין נישט קענען טון מער, עס וועט שוין זיין לאחר המעש"ה. די חז"ל זאגן אונז "אין אדם שומע לי ומפסיד", פון טון דער רצון ה' בשלימות דערלייגט מען גארנישט, נישט קיין חילוק וואס די אויגן זעהן.

א אינגערמאן דערציילט, ער איז געווען ביי א דרשה, ווי דער מגיד מישרים האט גערעדט איבער דער ענין פון תפלה, אז ווען א איד קומט צום דאווענען זאל עס זיין בבחינת תינוק הנולד, מ'זאל אויפגעבן אלע אייגענע פלענער און מהלכים, מ'ווייסט גארנישט וואס ס'איז גוט און וואס נישט, און זיך בעטן בתחנונים אז דער מלך טוב ומטיב, דער יודע העתידות, זאל ערפילן די בקשות: דער שידוך וואס איז צוגעפאסט; דער ריכטיגע מהלך אין פרנסה; די הצלחה אין חינוך הבנים וכו', בבחי' "אל תעש תפלתך קבע", קום נישט מיט קיינע פארטיגע פלענער און פארלאנג מ'זאל עס ערפילן, נאר ווי איינער וואס ווייסט גארנישט, און בעט זיך פאר הילף.

דער וועג אנצוקומען צו דעם, האט דער בעל דרשן מסביר געווען, איז אז מ'קומט אין בית המדרש ווי א קינד, מ'טשעפעט זיך אפ פון אלע דברים גשמיים, מען 'דיסקאנעקט' זיך אינגאנצן פון דער סעלעפאן; דער זייגער; דער גליון, מ'שטעלט זיך דאווענען, און עפעס אנדערש איז נישטא! דערציילט דער איד ווייטער, צוויי טעג שפעטער האט ער געהאט אן אפוינטמענט 0:88 אזייגער צופרי, ומה עשה הקב"ה... ער איז פארשלאפן. וואס טוט מען דא? ער האט געוויסט אז נאכדעם וועט נישט זיין שייך צו דאווענען, און אויב וויל ער יעצט דאווענען און זיין באצייטנס וועט ער מוזן שניידן פון די "קרבנות" און זיך מיטכאפן ביי "ברוך שאמר", אדער אנטלויפן נאך קדושה, און איבערלאזן די אלע קדישים פאר'יתומ'ט...

ער האט זיך דערמאנט יענעם דרשה, און ער מחליט געווען אז מ'גייט פאלגן דעם בעל דרשן, ער האט אוועקגעלייגט זיין סעלפאן און זיך געשטעלט רעדן צום באשעפער, און עס גייט אים גארנישט אן יעצט. ס'איז נאר דא איין באשעפער, און גארנישט מער.

0 און ער זעט דער דאקטער רופט, עס ווערט :: ער ענדיגט דאווענען 8 אים קאלט און הייס... "איים סארי", זאגט דער דאקטער, "כ'האב געהאט 0, פליז זיי מיר מוחל". :: אן עמערדשענסי און איך וועל זיין 8 אין שו"ע ווערט געברענגט אז חסידים הראשונים זענען אנגעקומען ביים דאווענען צו א מדריגה פון "התפשטית הגשמיות". דאס איז נישט א מדריגה פאר יחידי סגולה וואס לערנען די קליינע אותיות, דאס איז א שו"ע וואס רעדט צו יעדער איד מקטן ועד גדול. ווען א איד לעשט אויס זיי סעלעפאן אדער ער ברענגט עס בכלל נישט אריין צום דאווענען, צילט ער מקיים צו זיין דער שו"ע, ער טוט די ריכטיגע פעולות אנצוקומען צו דער מדריגה.

ס'איז דא א ארגענעזאציע וואס נעמט צוזאם אידן וואס זענען מקבל נישט צו רעדן ביים דאווענען, און פארלעשן דעם סעלפאן, עס איז זיכער א דבר טוב זיך צו אנצושליסן אין דער קבוצה העולמי למען קדושת הבית המדרש וכבוד שמים.

(מהגליון שלום וברכה)




**נעמט אייך אונטער א קבלה בפרהסיא נישט צו רעדן און נישט נוצן דעם טעלפאן ביים דאווענען**
kvodshomayim.org 1855-400-5164

הפצת הגליון נתנדב ע"י הנדבן הרוצה בעילום שמו לזכות שיתברך בכל משאלות לבו לטובה
*
**מודעה מטעם המפיצים:**
מיר זוכן קביעות'דיגע שותפים צו נעמען א חלק אין די הוצאות פון מפיץ זיין דעם גליון. פאראינטערסירטע קענען זיך פארבינדן מיט אונז אויף 1347-756-0303 אדער דורך אימעיל - bechol.levavchem@gmail.com
בתי מדרשים וואס ווילן נישט מיר זאלן ברענגן דעם גליון זאלן אונז ביטע מודיע זיין אויף דעם דערמאנטן אימעיל